גליון
# באור החיים

יהא לאור ע"י איחוד תלמידי וחסידי טאהש

פרשת ויקה"פ - תשפ"ו לפ"ק
גליון תתע"ב

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה"ר יואל (ברא"מ) פיש הי"ו
לרגל הכנסת בנו הבחור החשוב יצחק ני"ו לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר עזרא שמעון ישראל סג"ל נייהויזער הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### בששת ימי המעשה צריכים לברר הניצוצות הק' בהעבודה

**ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי וגו'.**

דקדקו המפרשים, למה פתח הכתוב בכל מקום במלאכת ששת הימים.

ופירשו תלמידי בעש"ט הק' כי זה מצוה בפני עצמה, שהאדם צריך לעסוק בששת ימי המעשה בל"ט מלאכות, כדי לברר בירורים ולהעלות ניצוצי הקדושה, לתקן חטא אדם הראשון, אבל ביום השביעי יהיה לכם קודש, ואסור לעסוק בו בל"ט מלאכות, כי בשבת חוזרת כל הבריאה לשורשה, והוא עת תיקון לחטאו של אדם הראשון, ולא חלה בו קללת אדם בזיעת אפך תאכל לחם. לכן אין צריך לעסוק בו בבירור והעלאת הניצוצות על ידי מעשינו, וזהו הענין מה שהשבת הוא מעין עולם הבא, היינו שנעשה בו תיקון הניצוצות, מעין מה שיהיה לעניך לבוא, ביום שכולו שבתה שיהיה עת התיקון השלם.

(עבו"ע פתג"ק בהר)

### צריכין להשתוקק באהבה עזה אל השי"ת

**קחו מאתכם תרומה לה', כל נדיב לבו יביאה את תרומת ה'.**

דייקו המפרשים, על כפל הלשון. ופירשו בזה, כי חוץ מה שצוה להם הקב"ה שהביא נדבה למשכן בפועל, אמר להם שיביאו גם את נדבת לבם לה', היינו שישתוקקהו באהבת לכם לראות בבנין בית ה', וזהו 'כל נדיב לבו', שמלבד נדבתם אשר יתנו בפועל, יבואו ויתנדבו לה' אם תשוקת לבבם, ויבואו לתרומה לה'.

(עבו"ע פתגמ"ק ויחי)

### בני ישראל היה בונים המשכן בכוונה פנימיות

**אלה פקודי המשכן משכן העדות.**

רש"י תמה על כפל הלשון, המשכן משכן, ואפשר לתרץ, דהפסוק מרמז כאן דהם היו עושים עבודת המשכן בשתי בחינות, החלק הפשטות של המצוה, וחברו לזה גם כן הכוונה הפנימיות, דהכנה בקרבם בכל דבר אהבה ודביקות. וזה גם כן הכוונה במדרש (תנחומא ב') המשכן משכן, למה שתי פעמים, אלא ללמד שהיכל של מטה מכוון נגד ההיכל של מעלה, רצה לומר, דכשבני ישראל היה בונים ההיכל של מטה, היה ממשיכים בכל דבר האהבה מדבית המקדש של מעלה, דבכל כלי ובכל פעולה היה מכוון להמשיך לתוכם אור של מעלה, והיה עושים כל דבר בלהבת אש.

(עבו"ע שפת"ק פקודי)

פרנס פעולות האיחוד לחודש אדר
נתנדב על ידי הרב הגאון פה מפיק מרגליות מגיד מישרים נואם בחסד עליון
הרה"ג רבי שמעון עזריאל יחיאל לאווי שליט"א
ר"מ בישיבת תורת משה מאנטריאל סניף ב'
לעילוי נשמת אביו היקר והחשוב
הרב החסיד ר' חיים צבי בן ר' עזריאל יחיאל ז"ל
יארצייט ביום ט"ו אדר - שושן פורים הבעל"ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך! מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעוכי"י

**לפום צערא אגרא, דורך די מויל, קען מען גורם זיין צו באקומען צער אדער שכר.**

(שפת"ק ח"א קע"א)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור הזה נתנדב ע"י הרב **אשר לעמיל פעלבערבוים** שליט"א (טאהש)
לרגל שמחת הולדת נכדו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## דורכ'ן עוסק זיין א גאנצע וואך בתורה איז מען זוכה צו שפירן א טעם אינעם שבת

ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהיה לכם קודש, שבת שבתון לה', זענען די מפרשים מדייק פארוואס שטייט 'תֵּעָשֶׂה מלאכה', וואס איז משמע אז עס זאל געטון ווערן פון זיך אליין, און עס שטייט נישט 'תַּעֲשֶׂה מלאכה'.

נאך קען מען מדייק זיין אויף די לשון וביום השביעי יהיה 'לכם' קודש, די ווארט לכם איז לכאורה איבעריג.

אויך דארף מען פארשטיין די כפל הלשון 'שבת שבתון' וואס עס קומט אונז צו לערנען.

נאר שרייבן די מפרשים, אז אויב וואלט געשטאנען תַּעֲשֶׂה מלאכה, וואלט געווען משמע אז עס איז א ציווי פאר א מענטש צו טון א מלאכה און עוסק זיין במשא ומתן בימות החול, און באמת אויב א מענטש איז זוכה צו עוסק זיין בתורה, דארף ער נישט עוסק זיין במלאכה, נאר מלאכתו נעשית ע"י אחרים, אזוי ווי די גמרא זאגט בזמן שישראל עושין רצונו של מקום מלאכתן נעשית ע"י אחרים.

און פארדעם שטייט אין פסוק תֵּעָשֶׂה מלאכה, דוקא, ווייל עס איז נישט קיין חיוב אויף א מענטש עוסק צו זיין במשא ומתן, נאר עס קען אויך זיין אז זיין ארבעט זאל געטון ווערן דורך א צווייטן, פארדעם שטייט דאס לשון תֵּעָשֶׂה מלאכה.

און לויט דעם קען מען מפרש זיין וואס די פסוק זאגט 'וביום השביעי יהיה לכם קודש', לויט ווי ס'איז באקאנט די הנהגה פון דער הייליגער עלטער זיידע (רבינו מהרמ"פ) זי"ע, וואס ער איז געווען באהאלטן א גאנצע וואך אין זיין צימער, און כמעט וואס מען האט אים געזען, ווייל ער איז געווען א מורא'דיגע מתמיד בתורה, און אמאל האט ער זיך אפי' געבויט א מערה כדי ער זאל זיך דארט קענען באהאלטן א גאנצע וואך און עוסק זיין בתורה, און ער זאל נישט ווערן געשטערט.

און נאכדעם וואס ער האט אפגעראכטן די ששת ימי המעשה אויף אזא אופן, איז ער ארויסגעגאנגען צום עולם צו אפרעכטן דעם שבת, און דעמאלטס האט זיין צורה געברענט ווי א פייער פאקל, און מען האט אים ממש נישט דערקענט, און נאך אסאך ווינדערליכע זאכן וואס מען האט געזען אין זיין עבודה אינעם שבת קודש.

און איך האב געטראכט אויף דעם, אז טאקע ווייל ער האט זיך באהאלטן א גאנצע וואך און עוסק געווען בתורה, האט ער זוכה געווען צו אפרעכטן דעם שבת אויף אזא געוואלדיגע אופן.

און לויט דעם קען מען מפרש זיין דעם פסוק, ששת ימים תעשה מלאכה, דאס מיינט אז עס זאל געטון ווערן דורך אנדערע, און דו וועסט עוסק זיין בתורה, דעמאלטס וועט זיין "וביום השביעי יהיה 'לכם' קודש", דאס מיינט אז די קדושה און די הארה פונעם שבת וועט זיין פאר ענק, אז ענק וועלן זוכה זיין צו מרגיש זיין און טועם זיין איר אור.

און דעמאלטס וועלן ענק זוכה זיין צו היטן דעם שבת, בבחינת "שבת שבתון לה', לויט ווי עס זאגן די תלמידי בעש"ט הק', אז אינעם שבת זענען דא צוויי בחינות, די ערשטע איז די פשוט'ע חלק פון היטן דעם שבת, וואס דאס זענען די פשוטי המון עם אויך מקיים, אבער די בני עלי' זענען זוכה טועם צו זיין אויך פונעם אור פנימי פונעם שבת, און זענען זוכה מרגיש צו זיין די אור הקדושה וואס ווערט נתגלה אינעם שבת.

און דאס זאגט די פסוק 'ששת ימים תעשה מלאכה', וואס דאס מיינט ע"י אחרים, און דעמאלטס וועט זיין 'וביום השביעי יהי' לכם קודש', אז ענק וועלן זוכה זיין צו טועם זיין דעם אור פונעם שבת, און דעמאלטס וועט זיין 'שבת שבתון לה'' אז ענק וועלן זוכה זיין צו היטן דעם שבת מיטביידע בחינות, אז ענק וועלן אויך שפירן דעם אור פנימי פונעם שבת.

(עבו"ע פתג"ק)

בלב מלא שמחה, מעומק הלב פנימה, בשפה ברורה ובנעימה, ברכת מזלא טבא נביע, אל כבוד אחינו/גיסינו היקר שמו הטוב הולך לפניו, מוכתר בכל מעלה ומדה נכונה, ה"ה

**החתן שמואל צבי טעללער נ"י**
**לרגל שמחת הנישואין למזל טוב**

וברכה מיוחדת לכבוד אבינו/חותינו

**הר"ר יודא דוב טעללער שליט"א**

וזאת הברכה מאלקי הברכה שיהא הקשר אמיץ וחזק, והבית בהבנותו יהא מלא ברכת ה' על כל גדותיו, ותזכה להעמיד דורות ישרים ומבורכים על אדני התורה וחסידות, בדרכי עבודת עבודה שהדריך לנו כ"ק מרן רביה"ק זי"ע, מתוך נחת והרחבה אושר ועושר, עדי נזכה כולנו יחד במהרה לאורו של משיח צדקינו ומלכנו מרן רבינו שליט"א בראשינו בב"א

המברכים בכל לב:

**יואל יוסף טעללער - אברהם חיים לוי טעללער**
**מתתי' בינער - פסח דוד קעלנער**

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע״י הרב **מנחם מאיר לייפער** שליט״א (טאהש)
לרגל שמחת נישואי בנו החתן אשר לעמיל ני״ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי״ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ״ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### פרשת ויקהל

**ויקהל משה.**

דער בית המקדש איז חרוב געווארן צוליב שנאת חנם, דעריבער ווען משה רבינו האט געוואלט בויען א משכן האט ער צום ערשט געטוהן 'ויקהל משה', ער האט איינגעזאמעלט אלע אידן צוזאמען, צו ווייזן אויב איר ווילט דער משכן זאל האבן א קיום, וועט דאס נאר קענען זיין אויב וועט מען זיך האלטן באחדות.

(אור פני משה)

**לא תבערו אש בכל מושבותיכם.**

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט די תורה פונקט אנגעכאפט די מלאכה פון אנצינדן א פייער צו לאזן הערן דעם דין פון הבערה לחלק יצאת?

נאר מען קען דאס פארענטפערן, מיט דעם וואס מיר טרעפן א חילוק צווישן די ערשטע לוחות און די צווייטע לוחות. ביי די ערשטע לוחות אין פרשת יתרו, שטייט דעם טעם אויף היטן שבת, צוליב דעם וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג, און אין דעם זיבעטן טאג האט דער אויבערשטער גערוהט. וואלט מען געקענט מיינען אז אין שבת איז נאר אסור צו טוהן אזעלכע מלאכות וואס זענען באשאפן געווארן אין די זעקס טעג, אבער מאכן א פייער איז דאך ערשט געשעהן מוצאי שבת, ממילא קען אפשר זיין אז עס איז מותר צו מאכן א פייער אין שבת, דעריבער האט די תורה באזונדער ארויס געשריבן 'לא תבערו אש', אז שבת טאר מען נישט מאכן א פייער.

און וועגן דעם ביי די צווייטע לוחות אין פרשת ואתחנן וואס דארט שטייט דעם טעם אויף היטן שבת צוליב יציאת מצרים, איז שוין נישט דא קיין סברא צו מאכן א חילוק, צווישן מאכן א פייער און אנדערע מלאכות, וועגן דעם איז אין ספר דברים נישט דא א ספעציעלע פסוק אז מען טאר נישט מאכן א פייער אום שבת.

(תפארת יהונתן)

**ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהיה לכם קודש וגו'.**

הקדים להם אזהרת שבת וכו' לומר שאינו דוחה את השבת (רש״י הק').

עס קען זיין דא א רמז אין דער טעם פארוואס דאס בויען דער משכן איז נישט דוחה שבת וויבאלד די גמרא זאגט אין מסכת שבת אז א מענטש וואס היט אפ שבת ווי עס דארף צו זיין, איז אפילו ער האט געדינט עבודה זרה, איז מען איהם מוחל פאר דעם, און דער משכן איז אויך געקומען אויף מוחל זיין וועגן די עבירה פון עבודה זרה פונעם עגל. אבער שמירת שבת האט א גרעסערע כח, ווייל שבת באשיצט אויך היינט ווען עס איז נישט דא קיין בית המקדש. דעריבער האט די מלאכת המשכן נישט קיין כח דוחה צו זיין שבת.

(הרה״ק מהר״ש מבעלזא זי״ע)

**וכל איש אשר הניף תנופת זהב לה'.**

די תורה וויל ארויסברענגען די חשיבות פון די אידן וואס האבן געברענגט גאלד, קיינער האט נישט אפגעוואויגן וויפיל עס וועגט, און אויב עס וועגט גאר אסאך האט מען גענומען א צווייטע שטיקל גאלד וואס וועגט ווייניגער, נאר מ'האט אויפגעהויבן די גאלד אזוי ווי עס שטייט און גייט און אזוי האט מען געברענגט די נדבה פארן אייבערשטער.

(באר מים חיים)

### פרשת פקודי

**אלה פקודי המשכן.**

**אשר פקד על פי משה רמז למקדש שנתמשכן בשני חורבנין** (רש״י הק').

דער ווארט "פקודי" קען מען טייטשן א לשון פון "חסרון", אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר ל״א מ״ט) "ולא נפקד ממנו איש", עס האט קיינער נישט געפעלט. משה רבינו איז געשטראפט געווארן, אז ער קען נישט אריין גיין קיין ארץ ישראל, ווייל ער האט נישט גערעדט צו דעם שטיין אז עס זאל ארויס קומען וואסער, נאר ער האט געשלאגן דעם שטיין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר כ' י״ב) "לכן לא תביאו את הקהל הזה אל הארץ".

אבער ווען משה רבינו וואלט יא אויסגעפירט דעם באפעל פונעם אויבערשטן ביי די מי מריבה, און ער וואלט גערעדט צו דעם שטיין, וואלט ער דאך אריין קיין ארץ ישראל און אויפגעבויעט דעם בית המקדש, און עס וואלט קיינמאל נישט חרוב געווארן, ווייל צוליב די קדושה פון משה רבינו וואלט דאס בית המקדש זיך אויפגעהאלטן אויף אייביג. קומט אויס אז צוליב דעם מויל פון משה רבינו וואס האט נישט גערעדט צו דעם שטיין, האט עס גורם געווען צו דעם חורבן פון די צוויי בתי מקדשות.

דאס קען זיין פשט אין פסוק, 'אלה פקודי המשכן משכן העדות', דאס וואס עס איז געווארן א חסרון פון די צוויי בתי מקדשות, און זיי זענען חרוב געווארן, דאס איז געשעהן ווייל 'אשר פקד על פי משה', עס האט געפעלט די ווערטער פון משה רבינו וואס ער האט נישט גערעדט צו דעם שטיין, וואס צוליב דעם איז ער נישט אריין קיין ארץ ישראל, און דער בית המקדש איז נישט אויף געבויעט געווארן דורך איהם, און דעריבער איז עס חרוב געווארן.

(חתם סופר)

**אלה פקודי המשכן.**

חז״ל זאגן אז דורכ'ן משכן איז נתכפר געווארן די מעשה העגל. פקודי איז א לשון חסרון. דאס קען זיין פשט, 'אלה פקודי', די חטא העגל וואס הייסט 'אלה' - ווי זיי האבן געזאגט 'אלה אלהיך ישראל', - 'פקודי' דאס איז ווייניגער געווארן, 'המשכן' דורכ'ן משכן, און איז פארגעבן געווארן פאר די אידישע קינדער. אזוי ווי חז״ל האבן גדרש'נט דעם פסוק 'גם אלה תשכחנה' זה מעשה העגל.

(זרע קודש)


איחוד
תלמידי וחסידי טאהש

**מזלא טבא וגדיא יאה**

רגשי ידידות והכרת הטוב

מעומק לבבינו מיטב איחולינו נשגר, כסא דברכתא נרימה לנצח ולהדר, מול מעלת כבוד ידידינו המפואר, מוכתר בכל מדה נכונה ותואר,

**מו״ה יצחק אייזיק (ברמ״א) קרויס הי״ו**
**העומד תמיד לימינינו במסירות נאמנה**
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

ממרום ברכה, יוסיף ה' ככה, במעשיו הצלחה, רוח ששון והנחה, וברכות עד בלי די, הני תלת בני מזוני וחיי, בעזרתו יתברך קל חי, עדי נזכה בקרוב בימינו, לביאת משיח צדקנו, ומלכנו בראשינו, בב״א

**הנהלת האיחוד**

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

# גניזת שמות

## שמות צו גניזה

אזוי ווי מיר האלטן יעצט פאר פסח, און עס איז אנגעלייגט אין יעדע אידישע שטוב אסאך שמות, ווי קונטרסים, קובצים, גליונות, בראשורן, בלעטלער, תפלות ובקשות, זמירות'לעך, א.א.וו., אויך געפונען זיך אסאך קאפיעס וואס קינדער ברענגען אהיים פון חדר, און פון מיידל שול, בחינות, תורה'ס, הלכות והנהגות, און אלף בית, עברי, פסוקי חומש, א.ד.ג., און עס פרעגט זיך די שאלה וועלכע שמות דארפן גניזה, און וועלכע נישט, אין דעם מאמר האבן מיר קלאר געמאכט בעזרת השי"ת די הלכות וואס זענען נוגע צו וויסן.

### א
### שאלה: ווי איז דער מקור פונעם איסור מבזה צו זיין שמות?

**תשובה:** עס ווערט געפסק'נט אין שלחן ערוך (יו"ד סי' רפ"ב ס"ה) אז מען טאר נישט אוועק ווארפן "כתבי קודש" דאס מיינט שמות, אפילו עס איז נישטא אין זיי קיין שום שם פון די שמות הקדושים.

דער מגן אברהם ברענגט פונעם רמב"ם, אז דער וואס ווארפט אוועק כתבי קודש איז עובר אויף א לאו, און דאס איז אסור מן התורה (מג"א סימן קנ"ד ס"ק ט', פרי מגדים סימן קנ"ג משב"ז).

## די הארבקייט פון מבזה זיין שמות

אין ספר משנת חכמים שטייט: "עס זענען דא מענטשן וואס זענען משחית בלעטער פון ספרים, און זיי לייגן דאס אין די מיסט, ווער ווייסט אויב נישט צוליב דעם קומען שווערע גזירות אויף אידן, און קליינע קינדער גייען אוועק פון די וועלט רח"ל" (משנת חכמים למהר"ם חגיז סימן ר"ה).

דער הייליגער רבי ר' יונתן אייבשיץ זצ"ל באקלאגט זיך זייער אויף די וואס ווארפן אוועק שמות, און ער שרייבט: אז די וואס ווארפן אוועק שמות וואס עס שטייט דערויף דעם אייבערשטנס נאמען אין מיסט, זענען גורם גרויס ארומקייט רח"ל (תומים חו"מ סימן כ"ז).

דער שו"ת פעולת צדיק שרייבט מיט דעם לשון: "איך האב געזען מיט מיינע אויגן, אידן וואס האבן מבזה געווען כתבי קודש, און זיי זענען געשטראפט געווארן מיט שווערע און ביטערע שטראף, און זיי כאפן זיך נישט פארוואס עס קומט זיי" (פעולת צדיק סימן קמ"ג ב').

עס שטייט אין די משנה (פרקי אבות "כל המחלל את התורה, גופו מחולל על הבריות", דער וואס פארשוועכט די תורה, וועט זיין גוף ווערן פארשוועכט ביי מענטשן, "וכל המכבד את התורה, גופו מכובד על הבריות", און דער וואס גיט כבוד פאר די תורה, וועט זיין גוף ווערן מכובד ביי מענטשן. שרייבט דער ספר חסידים אז דאס גייט ארויף אויף די וואס זענען מכבד, אדער ח"ו מזלזל אין די כבוד פון די ספרים, דאס מיינט אז ווער עס איז מזלזל אין ווארפט אוועק שמות, דער איז ח"ו גופו מחולל על הבריות, און דער וואס איז נוהג כבוד אין די שמות, און ער איז דאס גונז, דער איז גופו מכובד על הבריות (בפיה"מ להרמב"ם אבות פ"ד מ"ו, ובפי' הרר"י, ספר חסידים אות תקט"ז).

זעען מיר פון דעם די חשיבות פון מכבד זיין די שמות, אזוי אויך די הארבקייט פון מבזה זיין כתבי קודש, און שמות וואס דארפן גניזה.

דעריבער ווען מען זעט א צוריסענע בלעטל פון א ספר וואס געפונט זיך בבזיון, אדער עס ליגט אויף די ערד א.ד.ג., דארף מען דאס אויפהייבן און אוועק לייגן בגניזה בדרך כבוד.

## דרך אגב

עס ווערט דערציילט אז רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל האט אמאל געזען ווי איינער בייגט זיך אראפ און הייבט אויף א צעטל פון די ערד, און ער ווארפט דאס צוריק אראפ, האט אים רבי ישראל געפרעגט, פארוואס האסטו דאס אויפגעהויבן, און דערנאך צוריק אראפגעווארפן, האט יענער געענטפערט, קודם האב איך געמיינט אז דאס איז א בלעטל פון א ספר, און איך האב געוואלט נוהג כבוד זיין און דאס לייגן בגניזה, און ווען איך האב מיך איבערגעצייגט אז דאס איז סתם א שטיקל פאפיר האב איך עס צוריק אראפגעווארפן.

האט אים רבי ישראל געזאגט, אז אין אזא פאל ווארפט מען דאס נישט אראפ אויף די ערד, ווייל ווען א צווייטער וועט דאס זעהן וועט ער אויך מיינען אז דאס איז בלעטל פון א ספר, און וועט זיך אויך אראפבייגן דאס אויפצוהייבן, קומט אויס אז דו האסט יענעם מטריח געווען אומזיסט, און מען דארף נוהג כבוד זיין אויך אין א צווייטן.

### ב
### שאלה: איז דא א חילוק צווישן כתבי קודש וואס מען האט געשריבן מיט די האנט, צי מען האט געדריקט מיט א דרוק מאשין?

**תשובה:** דער הייליגער טורי זהב (יו"ד סימן רע"א ס"ק ח') שרייבט: איך האב געהערט וואס זאגן, אז דער איסור בזיון כתבי קודש איז שייך נאר ביי ספרים וואס זענען געשריבן מיט די האנט, אבער ביי ספרים וואס זענען געדריקט מיט א מאשין, איז נישט שייך דער איסור, דאס איז א גרויסע טעות, וויבאלד די אותיות ווערן געדריקט, ווערן זיי באטראכט ווי זיי זענען געשריבן, און עס האט די זעלבע דין פון כתבי קודש, און ער פירט אויס אז ווער עס איז מקיל, דער וועט דארפן אפגעבן א דין וחשבון אויף יענע וועלט, און אזוי נעמען אן די פוסקים, אז אויך געדריקטע דברי תורה דארף מען לייגן אין גניזה (חכמת אדם (כלל קכ"ח סעיף י'), במ"ב סימן ר"מ ס"ק כ"ט, ובמ"ב סי' מ' ס"ק ד' מתיר בשעת הדחק).

### ג
### שאלה: וואס איז די הלכה פון די ספרים פון היינטיגע צייטן,

## וואס זענען נישט געשריבן מיט די האנט, און נישט געדריקט מיט א מאשין, נאר זיי זענען געקאפיעט, צי דאס האט אויך א דין פון כתבי קודש:

**תשובה:** דער ברעזשאנער רב שרייבט אז כאטש להלכה איז עס גרינגער פון געדרוקטע ספרים, ווייל דאס איז נאר א בילד, דאס איז א מעשה קוף בעלמא, פונדעסטוועגן דארף מען עס מכבד זיין, און מען טאר נישט מקיל זיין (שו"ת מהרש"ם חלק ג' סימן שנ"ז, ועיין ערוך השלחן, יו"ד סימן רע"א).

### היוצא להלכה

### 1. געשריבענע דברי תורה

אלע דברי תורה וואס זענען געשריבן מיט די הענט, זענען מחויב בגניזה, און זיי זענען די הארבסטע, אין דעם איז נכלל די פאלגענדע זאכן: געשריבענע חידושי תורה - העתקות - הערות - בריוון פון תורה, געשריבענע בחינות פון כולל, ישיבה, און חדר א.ד.ג..

**באמערקונג**

דער חזון איש האט נישט ערלויבט אין זיין תלמוד תורה אז מען זאל מאכן בחינות בכתב יד פאר די קינדער פון חדר, ער האט חושש געווען אז די קינדער וועלן נישט אכטונג געבן אין זייער קדושה, און די תלמוד תורה'ס וואס פירן זיך יא צו געבן בחינות בכתב יד, דארפן אנזאגן די קינדער, און זיי מחנך זיין, אז זיי זאלן נוהג כבוד זיין אין דעם.

### 2. געדרוקטע ספרים

אויך ספרים וואס זענען געדרוקט דורך א מאשין, נישט קיין חילוק צי עס איז גאנץ, אדער צוריסן, צי אפילו נאר א צוריסענע בלעטל, אזוי אויך קובצים - קונטרסים - גליונות - צעטלעך א.ד.ג., דארפן גניזה על פי הלכה.

אין דעם איז נכלל אלע געדרוקטע מעשה ביכלעך, מעשיות פון די תורה, אדער פון די גמרא און מדרשי חז"ל, אזוי אויך מעשיות פון צדיקים, וואס שטייט דארט פסוקים, און מאמרי חז"ל, און דברי מוסר, דארפן גניזה.

### 3. געקאפיעטע ספרים

ספרים, קונטרסים, מעשה ביכלעך א.ד.ג. וואס זענען נאר געקאפיעט, אדער עס ווערט געמאכט דורך א לעזער פרינטער א.ד.ג., אזוי אויך אלע קאפיס פון דברי תורה, כאטש זיי זענען נישט אזוי הארב ווי כתבי קודש, פונדעסטוועגן טאר מען דאס נישט אוועק ווארפן בדרך בזיון אין מיסט, נאר מען דארף דאס גונז זיין (מהרש"ם הנ"ל).

### ד
### שאלה: וואס איז די הלכה פון צייטונגען - זשורנאלן - ברושארן - בולעטן א.ד.ג.?

**תשובה:** דאס איז פשוט אז די חלק פון דברי תורה דארף גניזה, אפילו עס איז געשריבן אויף אנדערע שפראכן.

און די חלק נייעס, קען מען לכתחלה אוועק ווארפן, אבער וויבאלד עס קען זיין אז עס שטייט דארט גאנצע פסוקים, אדער מאמרי חז"ל וואס דארפן גניזה, איבער דעם זאל מען דאס אוועק ווארפן בדרך כבוד.

### וואס מיינט בדרך כבוד

מען זאל עס אריין לייגן אין צוויי זעקלעך (כיס בתוך כיס), און אזוי אוועק ווארפן, בעסער איז אז מען זאל דאס לייגן אין א ריסייקלינג גארבידזש, וואס דאס איז מער בדרך כבוד.

אין קומעדיגע מאמר וועלן מיר בעזהי"ת שרייבן אקטועלע און ניצליכע הלכות וואס זענען שייך ביים לייגן אין שמות, זאכן וואס מען דארף לייגן אין שמות, און זאכן וואס מען קען לייגן אין גארבידזש בדרך כבוד, און זאכן וואס מען קען אוועק ווארפן אין די געהעריגע גארבידזש.

### המשך יבוא אי"ה









# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

# הרה"ק בעל תפארת שלמה מראדאמסק זי"ע

*דעם קומענדיגן מיטוואך ויקרא, כ"ט אדר הבעל"ט געפאלט אויס די יומדל"ק פון דעם גרויסן צדיק, דער הייליגער תפארת שלמה פון ראדאמסק, הרה"ק רבי שלמה בן רבי דוב צבי הכהן זי"ע.*

## ואלה מתולדותיו

דער הייליגער תפארת שלמה איז געבוירן געווארן אינעם שטעטל וואלאשצאווי צו זיינע עלטערן אין יאר פון תקס"ג לפ"ק.

דער גרויסער און הייליגער צדיק, איז געווען א תלמיד פון גאר הייליגע צדיקים קדושים מפורסמים צווישן זיי, הרה"ק בעל אור לשמים מ'אפטא, הרה"ק רבי יחזקאל מ'קאזמיר, הרה"ק רבי שמחה בונם מ'פרשיסחא, הרה"ק רבי ישכר בער מ'ראדאשיץ, הרה"ק רבי ישעי' מ'פשעדבורזש, זכותם יגן עלינו.

נאך זייענדיג א קליין קינד האט דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע געזאגט אויף אים גאר גרויסע זאכן.

צו דער הייליגער תפארת שלמה האבן זיך צוגעצויגן הונדערטע חסידים, וואס האבן זיך מקשר געווען צו איהם און באקומען הדרכות בעניני' עבודת ה'.

זייענדיג שוין א מנהיג עדה קדושה איז דער תפארת שלמה זעלבסט ארומגעפארן צו צדיקים אין זיין דור, ווילענדיג ביי זיי אויף יומא דפגרא וימים טובים, אויף דער עלטער פלעגט ער אויך אפט פארן צום הייליגן דברי חיים פון צאנז זי"ע.

דער תפארת שלמה האט מחבר געווען דעם הייליגן ספר 'תפארת שלמה' עה"ת ומועדים, וואס פארשיינט ביז היינט די גאנצע וועלט באור תורתו, וואס איז באוויסט ווי שטארק צדיקים האבן זיך אויסגעדריקט מיט שבחים אויפן ספר.

## גילוי צדיקים עדיף מגילוי אליהו

ווי ערווענט האבן די צוויי צדיקים דער תפארת שלמה און דער דברי חיים אפט מאל פארברענגט אינאיינעם, אין איינע פון די דאזיגע שמועסן האבן די צוויי הייליגע צדיקים ארומגערעדט איבער די גרויסע מדריגה פון גילוי אליהו, פלוצלינג האט זיך דער דברי חיים געגעבן א צופלאם, זאגענדיג, 'גילוי צדיקים איז גרעסער ווי גילוי אליהו', ווען דער דברי חיים האט געזאגט די ווערטער האט דער תפארת שלמה'ס גוף גאר שטארק געציטערט, ווען דער תפארת שלמה איז ארויסגעגאנגען האט ער געזאגט פאר זיינע מקורבים, זענט עטץ א מבין אויף דעם אלטיטשקן, איך בין שוין לאנג משתוקק אז איך זאל זוכה זיין צו זעהן דער הייליגער רבי ר' אלימלך מ'ליזענסק זי"ע, יעצט ווען דער אלטיטשקער [מיינענדיג בלשון חיבה והערצה דער דברי חיים] האט געזאגט מיט א פלאקער אז גילוי צדיקים איז גרעסער פון גילוי אליהו, האט ער מיר געוויזן דער רבי ר' אלימלך זי"ע.

דער הייליגער תפארת שלמה איז נסתלק געווארן לחיי עולם הבא, אין עלטער פון 63 יאר, זיינע דברי תורה, מאמרים, ותולדות, זענען געדריקט אין די ספרים פון: אהל שלמה, עטרת שלמה, און ועל כולם דעם הייליג ספר תפארת שלמה, ועוד חיבורים.

## ורוח הקודש אומרת

איינע פון די חסידים פון דער תפארת שלמה וואס איז געפארן זיך מזכיר זיין ביים תפארת שלמה, איז פארבעטן געווארן פון זיינס א חבר צו אים אויך מזכיר זיין ביים תפארת שלמה, אבער אנקומענדיג פארענט פונעם תפארת שלמה האט ער פארגעסן די נאמען פונעם חבר וואס האט אים געבעטן אז ער זאל אים מזכיר זיין ביים רבי'ן, האט ער געטראכט אז כאטשיג וועט ער זאגן אז איינער האט געבעטן אז מען זאל אים אינזינען האבן, ווען דער תפארת שלמה האט געהערט דאס אז ער קען זיך נישט דערמאנען די נאמען, האט ער זיך פארטראכט און עטליכע סעקונדן דערויף געפרעגט דער איד וואס האט פארגעסן די נאמען, איז דאס און דאס יענעם נאמען? האט דער איד געענטפערט אז יא, האט זיך דער תפארת שלמה נאכאמאל פארטראכט און דאן געפרעגט, איז דאס און דאס זיין מאמעס נאמען? האט דער איד געענטפערט אז יא! דאן האט זיך דער איד גאר שטארק געוואונדערט וויאזוי די רבי ווייסט די נעמען, האט אים דער תפארת שלמה געענטפערט מיט א פשטות, עס איז דא א ספר 'שמות' וואס דארט שטייט אלע נעמען פון די אידישע קינדער, איך האב מיר מתבונן געווען אין דער ספר און דארט האב איך געטראפן די נאמען.

## מברכותיך עמך יבורך

עס ווערט פארציילט אז עס איז אמאל אריינגעקומען צום תפארת שלמה א אלמנה ל"ע וואס האט ביטערליך געוויינט אויף איר ביטערע שיקזאל וואס האט באטראפן, וויינענדיג אויף איר צוקונפט, האבענדיג קליינע קינדער און ווער עס וועט זיין פארנומען מיט די עול הפרנסה אין שטוב, דער תפארת שלמה בצהלת פניו און מיט זיין שטענדיגע גוט ווארט האט תיכף בארואיגט די צובראכענע אלמנה, אנוואונטשענדיג אז זי האט זיך נישט וואס צו דאגה'נען, זי וועט שטענדיג האבן פרנסה בריווח.

דאן איז אויך געווען אנוועזנד א חסיד, און דער תפארת שלמה האט זיך ארומגעדרייט צו איהם, לייגענדיג זיינע הייליגע הענט אויפן קאפ פונעם איד, זאגענדיג, דיר וועט דער באשעפער באזונדער באשערן, אזוי איז טאקע געווען די ברכה וואס איז ארויסגעקומען מפה קדשו פונעם הייליגן תפארת שלמה איז פארווירקליכט געווארן, דער איד איז געווען א גרויסע עושר כל ימי חייו און האט געהאט א מורא'דיגע אריכות ימים, און איז נפטר געווארן אין עלטער פון 94 יאר.

## לברך את עמו ישראל באהבה

דער הייליגער תפארת שלמה זייענדיג א כהן, פלעגט ער שטענדיג אנוואונטשן מיט יברכך ה' וישמרך, וכו', נוצענדיג די הייליגע 'ברכת כהנים' צו משפיע זיין פאר אידישע קינדער אלע גוטע השפעות וישועות.

איבער דער ענין פון בענטשן אידן, איז כדאי' אנצומערקן דאס וואס דער תפארת שלמה האט מפרש געווען די מאמר חז"ל, אל תהי' ברכת הדיוט קלה בעיניך, אז עס זאל נישט זיין פאר'מיאוס'ט אין דיין אויגן צו וואונטשן א ברכה פאר א מענטש וואס דו ווייסט אז יענער דארף צוקומען צו די ברכה, ווי למשל פרנסה, חיי, ומזוני'.

## מכבד את ה' בגרונו

דער הייליגער תפארת שלמה איז געווען באוואוסט אלס א בעל מנגן נורא ונפלא מאוד,

די ניגוני קודש וואס זענען ארויס פון זיין הייליג מויל האבן מעורר געווען טויזענטער אידן לתשובה ותיקון המעשים.

זייענדיג נאך א בחור'ל אינעם בלויזן עלטער פון 14 יאר אלט, האבן שוין זיינע ניגוני' ותנועות קודש מעורר געווען גאר גרויסע זאכן בעולמות העליונים.

אט דאס פאלגענדע עפיזאד ווערט פארציילט איבער די ניגון פון דער הייליגער תפארת שלמה:

ווען דער תפארת שלמה האט געלערנט אינעם שטאט פיעטירקוב, פלעגט זיין שטייגער זיין אויפצוזיין די גאנצע נאכט, ער פלעגט זיצן און הארעווען על התורה והעבודה, איין נאכט זייענדיג אין בית המדרש האט אים באפאלן א מורא'דיגע פחד און א שרעק, זייענדיג איינגעהילט אין דעם גרויסן פחד איז אים ארויפגעקומען אויפן געדאנק, אז ער וועט אנהויבן צו זינגען און אזוי זיך עטוואס בארואיגן, און האפענטליך וועט די פחד פארשוואונדן ווערן.

דער תפארת שלמה האט אנגעהויבן זינגען, אזש אז די סטרינסעס פון זיין הארץ איז נתעורר געווארן, און ער איז צוגעלאפן צו די עמוד וואו עס איז געליגן די שופר פון ראש השנה, און האט אנגעהויבן בלאזן תקיעה, תרועה, שברים, תרועה, און די איבריגע קולות.

אזוי בלאזענדיג באמערקט דער תפארת שלמה דורך די פענסטער פונעם בית מדרש, וועלכער איז פונקט געשטאנען אנטקעגן איבער דעם בית החיים, וואו די מתים פון בית החיים געקליידעט אין ווייסן, שפאצירן אין די ריכטונג צום בית המדרש.

דעם הייליגן תפארת שלמה איז געווארן איינגעהילט אין א ציטער און שרעק, און זיין פחד איז נאך געשטיגן מער, ווען פון דערווייטענס הערט ער ווי די מתים שרייען מיט א פארוואונדערטע טאן, וואס איז דאס, איז עס אמת? איז דאס דער שופר של משיח?.

צוליב דער תפארת שלמה'ס גרויס ציטער און פחד האט ער זיך פרובירט צו באהאלטן אונטער א שאנק אין בית המדרש, אבער זעהענדיג ווי די מתים קומען אריין אין ביהמ"ד איז ער ארויסגעלאפן און אנטלאפן פון ביהמ"ד, לויפענדיג צו זיין אכסניא.

אנקומענדיג צו זיין אכסניא האט דער בעל אכסניא באמערקט אויף אים אז עפעס איז פארגעקומען מיט איהם, האט דער בעל אכסניא געבעטן פונעם תפארת שלמה אז ער זאל איהם פארציילן וואס עס איז פארגעקומען, נאך לאנגע בעטענישן האט דער תפארת שלמה מסכים געווען און דערציילט פארן בעל אכסניא וואס עס האט פאסירט מיט איהם, די גאנצע איבערלעבעניש אין ביהמ"ד...

פון די מעשה זעהט מען ווי ווייט דער תפארת שלמה'ס נגינה ותנועות זענען אנגעקומען, און ווי באקאנט איז ער אויך געווען א הערליכע בעל תפילה, ווי זיכער האט ער גע'פועל'ט הייליגע ענינים גבוהים ורמים.

## החלום לפני פטירתו

עטליכע יאר בעפאר דער תפארת שלמה'ס פטירה, האבן שוין די מקורבים געהערט און געזעהן אויף אים געוויסע סימנים, דאס אז ער גרייט זיך שוין צו גיין לחיי עולם הבא, עס איז פאראנען א כתב יד קודש געשריבן פון דער תפארת שלמה וואס ער שרייבט דארט פון א חלום, ווי פאלגענד:

ליל שבת תשובה דהאי שתא תרכ"ב, האט זיך מיר געחלומט א חלום, ווי איך בין אריינגעפאלן אין א גאר טיפן גרוב, איך האב געוואונקען און געשריגן צו מענטשן נאך הילף מ'זאל מיר העלפן ארויס גיין און ארויף שלעפן, אבער קיינער האט מיר נישט געהאלפן, ביז איך בין אליין ארויסגעקראכן פון דארט. ע"כ החלום. פארענדיגט דער תפארת שלמה בכתי"ק, יהא רעוא שיהי' לטובה ולאריכות ימים ולע"ק.

זאל זיין זכות משפיע זיין אויף אונז כל מיני השפעות ישועות ורפואות, אכי"ר.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ה אדר | הרה"ק רבי אברהם גרשון בן רבי אפרים זי"ע - מ'קיטוב | תקכ"ה |
| כ"ט אדר | הרה"ק רבי שלמה בן רבי דוב צבי הכהן זי"ע - תפארת שלמה | תרכ"ו |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ה אדר | הרב החסיד ר' הלל ראובן בן ר' חיים יעקב ע"ה גאלדשטיין | תשס"א | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ח אדר | הרב החסיד ר' שלמה בן ר' שאול ע"ה שיליץ | תשס"ט | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ט אדר ב | הרב החסיד ר' יודא בן ר' יצחק ע"ה גאנדל | תשע"ט | ביה"ח בקרית יואל |

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן מו"ץ

## המשך הלכות תפילין

### שבת יו"ט

אין שבת אדער יו"ט איז אסור צו לייגן תפילין, ווייל תפילין איז א אות, און שבת און יו"ט זענען באזונדער אויך א אות צווישן דעם אויבערשטען און די אידישע קינדער, און אויב מ'לייגט א אנדערע אות וואס דאס איז תפילין, ווערט דאס א זלזול אין די אות פון שבת אדער יו"ט[1].

דעריבער איז תפילין א 'כלי שמלאכתו לאיסור' און איז אסור צו מטלטל צו זיין[2], מ'מעג נאר 'לצורך גופו ומקומו'[3], (ס'דא וואס זענען מקיל אז ס'האט א דין ווי א כלי שמלאכתו להיתר, און לצורך קען מען מקיל זיין[4]).

חול המועד

אין חול המועד לייגט מען נישט קיין תפילין, ווייל חול המועד איז א אות[5]. און אזוי איז מנהג חסידים. (ס'דא וואס האלטן אז מ'איז יא מחוייב צו לייגן תפילין אין חול המועד[6]).

### די תפילין בייטל

די מערסטע אויסגעהאלטן איז א בייטל וואס די תפילין של יד ושל ראש ליגן איינס נעבן צווייטן, (אזוי ווי די געווענליכע בייטלעך), נישט אז מ'לייגט אריין קודם איינס און דערנאך די צווייטע, און מ'קען נישט ארויסנעמען איינס פאר די צווייטער[7].

א בייטל ספעציעל פאר תפילין וואס מ'האט שוין גענוצט ארייצולייגן די תפילין, איז א תשמיש קדושה, און מ'טאר נישט ארייגלייגן אנדערע זאכן, נאר אויב מ'האט זיך אויסגענומען פון אנהייב[8]. דעריבער וויבאלד מיט די צייט וויל מען ארייגלייגן סידורים וכדו' איז כדאי זיך אויסצונעמען.

מ'מעג לייגן א לעבל מיט די נאמען, אפילו מ'האט זיך נישט אויסגענומען.

אז מ'האט זיך נישט אויסגענומען, דאן וויבאלד געווענליך איז מנהג העולם צו ארייגלייגן, קען מען אננעמען אז איז שוין אויסגענומען מלכתחילה[9].

אזוי אויך נאר די חלק ווי די תפילין ליגט איז א תשמיש דקדושה, דעריבער וויבאלד געווענליך זענען די בייטלעך אביסל לענגער, און דארט איז נישט די פלאץ ווי מ'לייגט די תפילין, מעג מען לייגן אנדערע זאכן[10].

די פלעסטיק וואס נעמט ארום די בייטל, איז נאר א תשמיש דתשמיש, און מ'מעג ארייגלייגן דארטן פארשידנס, אפילו אן קיין תנאי[11].

אויב מ'האט פראוויזאריש גענוצט א פלעסטיק בעג וואס איז נישט געמאכט ספעציעל פאר תפילין, איז דאס נישט געווארן תשמישי קדושה, אפילו מ'האט עס גענוצט עטליכע מאל, און מ'מעג עס דערנאך נוצן פאר דברי חול.

מנהג העולם איז צו לייגן א סידור אין די בייטל אונטער די תפילין[12].

מ'מעג ארייגלייגן די גארטל אין די בייטל[13].

קדושת תפילין איז גרעסער פון די קדושה פון א סידור, וועגן דעם זאל מען נישט לייגן א סידור 'אויף' תפילין, אפילו ווען עס ליגט אין די בתים אדער אין בייטל[14], אבער אויפן בייטל אליין, נישט ווי די תפילין ליגט איז מותר.

מ'מעג אנלאנען די סידור אויף די שיידעלע פון די תפילין, און מ'מעג נוצן די שיידעלע צו האלטן די בלעטער פון די סידור עס זאל זיך נישט אוועקמישן[15].

אזו אויך זאל מען נישט לייגן א הוט אויף די תפילין בייטל, ווען די תפילין זענען דארט.

ווען מ'האט א פלעסטיק אויף די בייטל איז דאס ווי שני כיסויים, און במקום הדחק ווי אז מ'איז אין לופטפעלד, און מ'האט נישט ווי צו לייגן די תפילין, מ'האט נישט קיין שומר, און מ'האט מורא ס'וועט פארלוירן גיין, מעג מען עס מיטראגן אין בית הכבוד.

## קדושת תפילין

### רעדן מיט תפילין

מ'דארף נזהר זיין נישט צו רעדן דברים בטלים מיט די תפילין, ווייל חוץ די איסור דברים בטלים, קען מען אויך צוקומען צו היסח הדעת[16].

אויב דארף מען וויכטיג רעדן, איז די עצה - בשעת הדחק - צו רעדן אין קורצן אויף לשון הקודש[17].

---

1 שו"ע (סי' לא ס"א), מ"ב (סק"ג וד). ובזוהר חדש (שיר השירים מובא בטו"ז סק"ב) הפליג בעונש המניחן בשבת.

2 שלכאורה אין לו השתמשות של היתר (עי' מ"ב סי' מב סקי"ז דאין לכרוך איזה דבר בהרצועה אף אם התנה). והנה כלי שמלאכל"א שתשמישי היתר שלו מועטים במאוד, מ"מ לא נחשב הכלי למוקצה, כ"כ המג"א (סי' שח סקי"ב), אבל אם אין לו כלל השתמשות של היתר, ונחלקו הראשונים הבעל המאור (מי שהחשיך) סובר שפקע מיני' שם כלי, והרשב"א (ר"פ מי שהחשיך) סובר שנשאר עליו שם כלי, ומותר לצורך מקומו אף שא"א לטלטל לצורך גופו, ובמ"ב יש סתירה בזה, ובפמ"ג (סי' שח א"א סקי"ב) סובר שאין בו דין כלי ואסור. אכן עי' בשו"ת שבט הלוי (ח"י סי' נט) שנוטה בזה להקל כדעת הרשב"א (ובתהל"ד סי' רסו סק"ח תמה על הפמ"ג על שלא הביא שהוא מחלו' הראשונים), אבל להשתמש בו בגופו לא מבואר להיתר. אכן זהו רק בשבת, אבל ביו"ט יש להחמיר כר"י, ואף בחצוצרות יש להחמיר שלא לטלטל כר"י ואליביה אי לטלטל כלי שמלאכתו לאיסור שאין לו השתמשות של היתר. (מ"מ ממשמעות הפוסקים נוטין הדברים לקולא בתפילין).

3 ראה מ"ב (סי' שח סקכ"ד).

4 פרמ"ג (משב"ז סק"ג) כתב להתיר. ועי' שו"ת מגדנות אליהו (ח"ב סי' ס).

5 שו"ע (סי' לא ס"ב).

6 רמ"א (סי' לא ס"ב). הדברי חיים עשה הכרעה בין השיטות, ושבחורים יניחו תפילין, ואברכים לא יניחו. אות חיים (מונקאטש הל' תפילין סי' לא) 'כיון שאנחנו האשכנזים יוצאים ביד רמ"א בפסקיו, והרמ"א פסק להניח בחול המועד, רק שהחסידים מתלמידי הבעש"ט זי"ע החזיקו כדעת הב"י והאריז"ל עפי"ד הזוה"ק שלא להניח, ובבחורים קודם נשיאותן לא שייך מילי דחסידותא עד כאן שמעתי בשם אותו צדיק וגאון מרן זי"ע'.

7 עי' שע"ת (סי' כח סק"ד), ליקוטי מהרי"ח (ח"א דף כ ע"ב).

8 שו"ע (סי' מב ס"ג).

וגם כשהתפילין מונחות בקופסאות שלהם יש להחמיר שהכיס שמניחין התפילין דינו כתשמיש קדושה, מפני שלכמה ראשונים הקשרים שברצועות דינם כקדושה עצמה, ואינם מכוסים עם הקופסא, עיין ביאוה"ל (סי' מ"ב ד"ה מש"ר לשל יד).

9 עפ"י מ"ב (סי' מב סקי"א טז).

10 ביה"ל (סי' מב ד"ה אסור למיצר).

11 רמ"א (סי' קנד ס"ג) ובמ"ב (סקט"ו).

12 עי' שע"ת (שם), ומנהג העולם להקל.

13 ויברך דוד דהוי כלב בי"ד מתנה.

14 אות חיים (סי' כח סק"ג), ועפ"י שע"ת (סי' כ"ח סק"ג), ושלחן מלכים (אות רמ"ד. ובאות רל"ב כתב נכון שלא להניח רצועות על הסידור, דקדושת הסידור חמור, ויש לפקפק בסידורים שלנו שרובם ככולם רק דיסק או קאפ"י, ולא דפוס ממש, אפשר שאינו חמור קדושתן).

רביה"ק זי"ע האט מעורר געווען בחורים אז מ'זאל נישט לייגן די סידור אויף די תפילין בייטל, אפילו די תפילין איז נישט אינעווייניג, ועי' הליכות הלוי (עמ' קלב) בביאור הענין

15 שו"ת משנת יוסף (חי"ד סי' כד) דנחשב רק תשמישי קדושה, ושכ"ש בשל יד שיש לה קופסא פנימית בתוכה, וסידור יש בה קדושה עצמית (עכ"פ יותר מהקופסא, הגם שהוא נדפס).

16 שועה"ר (סידור) 'ואינו נקרא היסח הדעת אלא כשעומד בקלות ראש או שחוק ושיחה בטילה', ובמ"ב (סי' ז סק"ז) יש ליזהר שלא לדבר בהם דברים בטלים דמלבד איסור דברים בטלים הוא בא לידי היסח הדעת'. ויש לזה רמז בפסוק והי' לך לאות על ידך וגו' למען תהי' תורת ד' בפיך, ליקוטי מהרי"ח.

17 דרכי חיים ושלום (אות לא) 'לא דיבר כלל בהתפילין זולת בלשון הקודש לרמז דבר נחוץ לשעתו', (אמנם זהו רק בדבר נחוץ). ובמושיען של ישראל (ח"א עמ' רנ) שאחד שח זמן רב דברים בטלים בתפילין על ראשו, ורביה"ק מ'סאטמאר זי"ע הוכיח אותו על זה, והצטדק שדיבר רק בלשון הקודש, והשיב לו שזה גרוע עוד יותר, ובפשטות הכוונה, כי רק בדבר נחוץ מותר ולא סתם פטפוטי דברים.

דרכי ישרים (צוואת הרה"ק ממעזריטש זי"ע (אות כז) 'ולא תדברו בתפילין דרש"י ודר"ת כלל וכלל', ובבית אהרן (בסדר היום) 'ושלא לדבר בתפילין אם לא איזה הכרח גדול, או דבר מצוה עוברת, וגם בזה יקצר בכל מה דאפשר', משמרת שלום (סי' ו ס"ה) 'אבא מארי אמר לי שלא לדבר בעת שאהיה לבוש בתפילין', ובהערה 'משהניח תפילין דרש"י עד אחר הנחת תפילין דר"ת ודאי מהראוי שלא לדבר כי הברכה עולה גם על תפילין דר"ת'.

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## מעשה ארג כליל תכלת

רביה"ק רבי יצחק אייזיק מ'קאמארנא זי"ע שרייבט אין היכל הברכה אין פרשת תצוה אז אר"ג איז גמטרי' צדי"ק, דאס מיינט מעשה ארג אז מען זאל רעדן און דערציילן סיפורי צדיקים.

דער הייליגער אור מלא פון קאסאן זי"ע ברענגט צו דעם א מעשה וואס ער טייטשט אריין אין די וואכעדיגע פרשה, אז הרה"ק ר' מענדעלע מרימנוב זי"ע איז אמאל אהיימגעפארן פון זיין רבי הרה"ק די רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע, אויפ'ן וועג איז ער געפארן צום הייליגן דגל מחנה אפרים, די דגל מחנה אפרים האט געהאלטן אז די פוילישע חסידים פארשטייען נישט באמת צו די ריכטיגע עבודת השם, און זיי פארשטייען נישט צו קיין צדיקים, האט ער געפרעגט פון ר' מענדעלע צו ער קען אים דערציילן אן עובדא פון זיין רבי'ן די רבי ר' אלימלך זי"ע, מיינענדיג אז ר' מענדעלע גייט זיכער דערציילן עפעס א מופת וואס זיין רבי האט באוויזן, האט אים רבי ר' מענדעלע געזאגט אז ער זעהט אויף זיין רבי'ן אז יעדן טאג ווען ער איז זיך מתבונן אין יראת השם כאפט אים אן אזא פחד פונעם אייבערשטן אז אלע זיינע אברים פאנגען אן צו ציטערן פון פחד הבורא, און אפילו די איין גיד אונטער די אויער וואס עס איז מקובל אז דאס קען זיך נישט ריקן פאר פחד חוץ אינעם יום המיתה דאס ווערט אויך אנגעפילט מיט פחד הבורא און אלע זיינע גידים ווערן אזוי דיק ווי דיקע צינורות.

די דגל מחנה אפרים האט זייער הנאה געהאט פון די מעשה און ער האט זיך אנגערופן אז דאס איז א שיינע מעשה און די יונגערמאן קען פארציילן מעשיות.

פון די מעשה זעהט מען אז די עיקר וואס מען דארף ארומרעדן און פארציילן פון צדיקים איז זייער עבודה און הנהגה מיט יראת שמים, און נישט דערציילן סתם מופתים, דאס טייטשט דער אור מלא אריין דא אין פסוק, "מעשה ארג כליל תכלת", וויל עס שטייט אין חז"ל אז תכלת איז דומה לים וים לרקיע ורקיע לכסא הכבוד, דאס הייסט אז די תכלת ברענגט צו צו יראת שמים, דאס זאגט דא די פסוק "מעשה ארג" ווען מען דערציילט סיפורי צדיקים, "כליל תכלת" זאל מען רעדן נאר פון זייער יראת שמים.

*

הרה"ק ר' אורי מסאמבור זי"ע האט געזאגט די לעצטע תורה פאר זיין הסתלקות, אין פרשת תצוה אויף די פסוק וירכסו את החושן מטבעותיו אל טבעות האפוד, האט ער געטייטשט אז אין די חושן איז געווען די אורים ותומים, דאס ווייזט אויף די לומדי תורה, און די אפוד וואס דאס איז געווען אויף די פליצעס דאס ווייזט אויף די פשוט'ע פארהארעוועטע אידן, זאגט די פסוק אז מען זאל פארבינדן די לומדי תורה מיט די פשוטי העם.

איי פאר א שייכות איז דא צווישן זיי, זאגט די פסוק "בפתיל תכלת" און עס שטייט אין חז"ל תכלת דומה לים וים לרקיע ורקיע לכסא הכבוד, דאס איז די נקודה הפנימית פון א יעדן איד, די אמונה אין השי"ת, ווייטער שטייט "להיות על חשב האפוד", דאס הייסט אז די בעלי מוחין זאלן שטענדיג טראכטן ווי אזוי צו מקרב זיין די "אפוד" אידן, אבער די עיקר איז האט ר' אורי אויסגעפירט אז "ולא יזח החושן מעל האפוד" די לומדים טארן קיינמאל זיך נישט אוועקריקן פון די פשוט'ע תמימות אידן.






# במקהלות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב

**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**

צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

ישיבה גדולה אור החיים - קרית טאהש:

## הזורעים בדמעה ברנה יקצורו

דעם פארלאפענעם זונטאג כי תשא איז פארגעקומען די גרויסארטיגע יום הבחינה, ווען תלמידי שיעור א׳ און שיעור ב׳ האבן זיך געשטעלט צום פארהער אויף די לימודי הלכה וועלכע מען האט געלערנט במשך די גאנצע ווינטער זמן העעל״ט.

במשך די סדר הערב האט מען די זמן החורף אדורך געאקערט פעסטע סימנים אין הלכות תערובות פון סימן צ״ח ביז נאך סימן ק״ב, ווי מען האט אדורכגעטון די שווערע מקצועות על בוריו, און אין די לעצטערע וואכן איז פארגעקומען די חזרה.

יעצט איז געקומען די פרייליכע צייט פון ברנה יקצורו, ווען עס איז פארגעקומען 2 באזונדערע פארהער׳ס פארביידע כתות, דורך הרה״ג רבי יעקב יוסף וואזנער שליט״א, מו״ץ סקווירא מאנטריאל, פון וועלכע די דיין שליט״א איז ארויס פון התפעלות פון די קלארקייט אין וועלכע די בחורים קענען די מקצוע.

נאך די פארהער האט דער חשובער בוחן איבערגעגעבן א שמועס פאר די תלמידים, כהכנה לקראת יו״ט פורים, איבער די ענין פון הדר קבלוה מאהבה, און ארויסגעברענגט אז דורכדעם וואס מען לערנט יעצט גרינטליך די לימודי הלכה, וועט עס אוודאי צוניץ קומען אין די שפעטערע יארן, לערנענדיג אין כולל, און פאר א גאנץ לעבן.

*

## וימי הפורים לא יעברו

גאר געהויבענע און ליכטיגע ימי הפורים איז פאריבער אויף תלמידי ישיבתינו הק׳, ווען מ׳האט זוכה געווען לחסות בצל הקודש, און זיך אנווארעמען און אנשעפן התעוררות און קדושה אויף א גאנץ יאר.

ביום שושן פורים איז פארגעקומען א גאר רייכע סעודה לכבוד היום בבית הרה״ג המנהל שליט״א, ווי די מנהל שליט״א האט ארומגערעדט שיינע ענינים מעניני דיומא, ווי אויך איז פארגעקומען 2 סיומים פון תלמידי שיעור א׳, און מען האט זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע ריקודין לכבוד התורה ולכבוד היום.

*

## אשרי מי שגדול בתורה

אין די יעצטיגע לעצט פארבליבענע טעג ביז סוף זמן, קומען פאר העפטיגע חזרות אינערהאלב די לימודי הגמ׳, ווי מ׳נעמט צוזאם אלע לימודים וואס מ׳האט געלערנט דעם זמן.

דעם מאנטאג נאכמיטאג האט הרה״ג המנהל שליט״א אויפגעטרעטן מיט א טרעפליכע דרשה כהכנה לקראת שבת החודש, ארויסברעגנדיג אז מ׳קען אלעמאל נוצן א התחדשות אין תורה, און מחזק געווען די תלמידים אויסצונוצן די צייט בחזרת הלימודים.

*

## בשעה שאנחנו עומדים להתפלל לפניך

דעם היינטיגן דינסטאג איז כ״ק רבינו שליט״א ערשינען בהיכל הישיבה צו תפלת שחרית לרגל די יומדהל״ק פון זקינו הרה״ק רבי ר׳ אלימלך מ׳ליזענסק זי״ע.

נאך תפלת שחרית האבן 2 תלמידי הישיבה געמאכט א סיום מסכת, פון וואס רבינו שליט״א האט געגאסן א עקסטערע קורת רוח, צוזעהנדיג ווי תלמידי הישיבה זענען מוסיף אויף די געוועגליכע לימודי הישיבה און לערנען צו זייטיגע מסכתות אין פרייע צייטן, און די רבי האט אנגעוואונטשן ברכת קדשו, און דערנאך איז מען ארויף צום ציון פון רביה״ק זי״ע לאמירת ספר תהלים.

שפעטער נאכמיטאג איז רבינו שליט״א ווידער ערשינען בהיכל הישיבה לתפלת מנחה, און נאך מנחה האט די רבי פארפירט א שמועס מיט עטליכע תלמידי הישיבה.

ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד׳טאהש - ניו יארק:

## כ״ק מרן רבינו עט״ר שליט״א ריש מתיבתא קדישא לאזט איבער א רישומא קדישא ביי תפלת המנחה דעם מאנטאג

דעם פארגאנגענעם מאנטאג פר' ויק"פ העלע"ט האט רבינו שליט"א אפגעשטאט א שיינע באזוך בהיכל הישיבה, אין באגלייטונג פון חתנו יקירו הגה"צ רבי זאב ראזענבוים שליט"א ר"מ בישיבה גדולה אור החיים.

דער רבי האט געדאווענט תפלת מנחה, פארן עמוד האט געדאווענט הבה"ח אלי' שטיין ני"ו.

נאך מנחה האט דער מנהל שליט"א איבערגעגעבן פארן רבי'ן מהנעשה והנשמע אין ישיבה, וואו פלייסיג די בחורים לערנען ב"ה, ס'קוקט אויס ווי ס'איז נאך אנפאנג זמן, מ'חזר'ט איבער די לימודים הזמן מיט א התמדה, זיך גרייטענדיג בעז"ה זיך צו שטעלן צום פארהער, פון וואס דער רבי האט שטארק הנאה געהאט, און מאציל געווען ברכת קדשו.

דערנאך זענען די בחורים אריבער דעם רבי'ן לברך ולהתברך, און דער רבי האט אויסגעדרוקט א געוואלדיגע קורת רוח פונעם דאווענען פון די בחורים.

*

דערנאך איז דער רבי אריבער אין בנין הישיבה קטנה, וואו מ'האט געהאלטן אינמיטן פארלערנען שולחן ערוך, דער רבי איז אריין אין אלע דריי חדרי השיעורים, זיך אומקוקענדיג אויף די בחורי חמד, און מאציל געווען ברכת הקודש.

דער מנהל שליט"א האט איבערגעגעבן א גריס פון די בחורים, איבער געשמועסט די תהלוכות וסדרי הישיבה, פון וואס דער רבי האט געהאט א געוואלדיגע קורת רוח.

*

ווי אויך איז דער רבי אריבער צום שטח וואו מ'בויעט אצינד אויף דעם נייעם בנין הישיבה גדולה, און זיך פאראינטערעסירט אין די דעטאלן, און עס זענען אויסגעשמועסט געווארן די גרויסארטיגע הרחבת גבולי הקדושה פלענער פון ישיבותינו הקדושות.

**ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק:**

# דערהויבענע סעודת הילולא געפראוועט כ"א אדר בהיכל הישיבה

דעם היינטיגן דינסטאג פר' ויק"פ כ"א אדר יומא דהילולא רבא פונעם הייליגן רבי'ן רבי ר' אלימלך מליזענסק זיעועכי"א איז פארגעקומען א סעודת הילולא, ביי מיטאג צייט, בראשות די רמ"י הישיבה שליט"א.

עס האבן אויפגעטרעטן מיט הערליכע דרשות במשנתו ועובדות מבעל הילולא זי"ע, הרה"ג המנהל שליט"א, הגה"צ אב"ד מאנסי שליט"א, הרה"ג ר"מ ומשפיע שליט"א. עס זענען געזינגען געווארן בשבת אחים גם יחד ניגוני הילולא.

זכותו יגן עלינו.



# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

כי תשא - תשפ"ו לפ"ק

## וימי הפורים האלה לא יעברו, וזכרם לא יסוף!!!!

גאר לעכטיגע און דערהויבענע ימי הפורים זענען אריבער אויף כלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם, און בפרט ביי תושבי קריתינו און ביי חסידים ואנשי מעשה וואס האבן זוכה געווען זיך מסתופף צו זיין בקרית מלך רב בצילא דמהימנותא קדישא פון כ"ק מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א, און מיטגעהאלטן א ספעציעל פרייליכע יום טוב פורים וואס איז געבליבן איינגעקריצט אין די הערצער עס צו קענען מיטנעמען אויף א גאנץ יאר.

## מאנטאג פר' תשא - תענית אסתר

פארנאכט'ס איז דער רבי ערשינען אין בית המדרש הגדול צו תפילת מנחה, מלובש מיט בגדי יום טוב מיטן שטריימל און ווייסע בעקטישע, דער רבי האט געזאגט דעם לשם יחוד און מקיים געווען מצות מחצית השקל.

צו מנחה איז צוגעגאנגען צום עמוד הרה"ח ר' בנימין הכהן פישער הי"ו, מיט די עליות זענען מכובד געווארן, כהן מוה"ר נפתלי צבי ברוך הכהן לאנדאוי הי"ו פון וויליאמסבורג, לוי מוה"ר שמעון סג"ל קרויס הי"ו פון קרית יואל, שלישי מוה"ר יצחק שמעון אסטרייכער הי"ו פון קרית יואל, הגבה מוה"ר אביגדור דניאל סג"ל קרויס הי"ו פון וויליאמסבורג, גלילה מו"ה פנחס קליין הי"ו.

תפילת מעריב איז צוגעגאנגען צום עמוד הרה"ח ר' מרדכי מאיר לאנדאוי הי"ו פון וויליאמסבורג.

תיכף נאך מעריב האט דער רבי אנגעטוהן דעם טלית שאולה, ארויף אויפן באלעמער, מ'האט גולל געווען די מגילה כאיגרת, און דער רבי האט געזאגט די לשם יחוד און פארגעזאגט די ברכות בקול רם, דערנאך האט דער רבי אנגעפאנגען ליינען די מגילה מיט א נעימות ובלהבת אש, ווען די פיל געפאקטער בית המדרש האלט מיט די קריאת המגילה, נאך 'וחמת המלך שככה' האט די גאנצע ציבור געזינגען די פרייליכע ניגון כנהוג, נאך א דריי-פערטל שעה האט מען געענדיגט די מגילה, און דער רבי מיטן ציבור האבן געמאכט די ברכה הרב את רבנו, און געזאגט אשר הניא און שושנת יעקב, דערנאך האט מען ממשיך געווען ואתה קדוש און עלינו.

נאך מעריב איז געווארן גאר א פרייליכע שטימונג אין היכל הבית המדרש ווען די מקהלת המנגנים האבן אנגעפאנגען פרייליכע ניגוני פורים בשירה ובזמרה, און די גאנצע ציבור איז אריבער א לענגערע צייט וואונטשן פארן רבי'ן א פרייליכן פורים, און דער רבי האט צוריקגעוואונטשן פאר יעדעם בצהלת פנים.

עס איז געווען צוגעשטעלט אויסצופאסטן אויף מעריב זייט פון בית המדרש, נדבת הרה"ח ר' מרדכי מאיר לאנדאוי הי"ו, לע"נ אמו ע"ה.

⋄

ליל הפורים איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור לכבוד פורים בהיכל ביהמ"ד הגדול. די טיש איז אריבער גאר פרייליך און געהויבן, דער רבי האט זיך עטליכע מאל אויפגעשטעלט טאנצן, והחסידים ברינה יגילו בריקודין עלאין של שמחה והתרוממות הנפש.

פאר ברהמ"ז האט מען געזינגען שושנת יעקב, און מיט שיר המעלות איז מכובד געווארן הב' יהוסף ב"ר נחמי' צבי שווארץ ני"ו, מיט ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען בנו הרה"צ רבי משה סג"ל שליט"א. נאכן בענטשן האט מען ארויסבאגלייט דעם רבי'ן בשירה ובזמרה, און אויפן וועג ארויס האט דער רבי נאכאמאל געוואונטשן פאר יעדעם 'א גוטן פורים'.

## דינסטאג תשא - יום הפורים

בשעה 7:10 אינדערפרי איז דער רבי ערשינען בהיכל ביהמ"ד הגדול צו תפילת שחרית, דער רבי האט נאכאמאל מקיים געווען מצות מחצית השקל.

דערנאך האט דער רבי געלייגט טלית ותפילין, און געזאגט ברכות פארן עמוד. צום עמוד צו תפילת שחרית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' מאיר מרדכי לאנדאוי הי"ו פון וויליאמסבורג לרגל די יארצייט פון זיין מאמע ע"ה.

ביים ליינען זענען מכובד געווארן מיט די עליות, כהן הרה"ח ר' מרדכי מאיר לאנדאוי הי"ו, לוי רבינו שליט"א, שלישי אדמו"ר מזוטשקא קאראקאס שליט"א, הגבה מוה"ר יואל הערש פויגעל הי"ו פון וומסב"ג, גלילה מוה"ר יחיאל אלתר גוטמאן הי"ו, פון מאנסי.

נאך א קורצע הפסקה וואו דער רבי מיטן ציבור האבן געלייגט תפילין דר"ת, האט מען אויסגערופן אז מ'זאל אינזין האבן יוצא

צו זיין מיט די ברכת שהחיינו אויך די אנדערע מצות היום, דער רבי האט פארגעזאגט די ברכות צו די מגילה, און כמעשהו בראשונה פארגעליינט די מגילה מיט א נעימות, אין די מגילה פון רבינו הקדוש זי"ע.

נאכן דאווענען האט דער רבי מקיים געווען מצות מתנות לאביונים, און אזוי אויך מצות משלוח מנות דורך א שליח, און אנשי שלומינו זענען אריין לברך ולהתברך ביי רבינו שליט"א און געבן משלוח מנות פאר העכער צוויי שעה.

✧

בעיצומו של יום הפורים 9:00 אינדערפרי, זענען זיך הונדערטער תינוקות של בית רבן צוזאמגעקומען אין ביהמ"ד התלמוד תורה בית יודא אין קריתינו הק', צום חברת תהלים מרדכי ואסתר, ווי די צאן קדשים האבן אינאיינעם געזאגט מזמורי תהלים, די היכל ביהמ"ד איז געווען געפאקט עד אפס מקום וואו די קינדערלעך האבן צוזאמען איינגעריסן נפשי בשאלתי ועמי בבקשתי א לענגערע צייט, צו פועלן אלעס גוט'ס און אזא הייליגע טאג ווי פורים וואס כל הפושט יד נותנים לו.

נאך אמירת תהלים האט מען אינאיינעם געדאווענט א פייערדיגע שחרית, און דערנאך מגילה ליינען, און דערנאך איז אויסגעטיילט געווארן משלוח מנות פאר אלע ילדי תשב"ה, מיט פורים געלט אלץ מתן שכרו בצדן. אזוי אויך איז פארגעקומען עטליכע גאר ווערדפולע גורלות און טייערע מתנות.

די חברת תהלים ווערט שוין אנגעפירט פאר לאנגע יארן דורך הרב ר' אברהם לייב ראזענבוים הי"ו, מלמד מומחה לילדי תשב"ה, והשי"ת ישלם שכרו הטוב.

✧

במשך דעם גאנצן יום טוב פורים האט געשפילט גאר לעבעדיגע און פרייליכע מוזיק בחוצות וברחובות הקריה צוגעשטעלט דורך הנהלת הקרי', מיט די הילף פון העסקן הנמרץ מוה"ר יצחק אייזיק ווייס הי"ו, ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר.

✧

נאכמיטאג איז רבינו שליט"א ערשינען אין היכל בית המדרש הגדול למשתה ושמחה, צו פראווענען דעם דערהויבענעם שלחן הטהור "משתה היין" לכבוד יום הפורים, די טיש איז אריבער מיט א געוואלדיגע שמחה והתעוררות צוזאמען געמישט פון געוויין און פרייד מיט א התרוממות הנפש ושמחה וחדוה עילאה, מען האט מקבל געווען רבינו שליט"א מיט די ניגון 'ברוך הבא' וואס האט נאכגעפאלגט מיט לעבעדיגע פורים ניגונים, ווען במשך לאנגע שעה'ן האט מען געזינגען און געשפרינגען לעבעדיגע ניגוני שמחה אנגעפירט דורך די מקהלות המנגנים בחצרות קדשינו בשמחה ובצהלה ובתוף ובכינור.

דער רבי האט זיך געוואשן און בוצע געווען על הפת, און דערנאך געגעסן פון די פיש און ארום געשיקט שיריים, נאך א לענגערע צייט ניגוני שמחה האט דער רבי געמאכט א בורא פרי הגפן וכטוב לב המלך האט דער געוואונטשן לחיים פאר אלע תלמידים וחסידים בגילופין, וכולם פה אחד האט די עולם אנגעפאנגען צוזאמען אין באגלייטונג פון די כלי השיר דעם באקאנטן ניגון 'והריקותי לכם ברכה עד בלי די עד שיבלו שפתותיכם מלומר די', און מ'האט ווייטער ממשיך געווען מיט די ניגוני שמחה וריקוד.

דערנאך האט מען אנגעפאנגען מיט די ווארימע ניגוני התעוררות כנהוג בחצרות קדשינו, ווי מ'האט פאר א לענגערע צייט געזינגען ניגוני התעוררות, ובתוכם 'פארוואס דרייפוס קומט דאס דיר, ווייל דו ביסט א איד', 'למנצח על אילת השחר וכו', 'זה קלי ואנוהו', 'גלות גלות', און ניגוני ימים נוראים וניגוני גלות וגאולה, ווי 'מלוך על כל העולם כולו', 'וידע כל פעול', 'אלקא די ליה', 'הבן יקיר לי אפרים', און נאך. אזוי אויך האט מען געזינגען די הייליגע ניגון פון רבינו הסב"ק זי"ע, 'כי לא יהי' לעולם אפילה, עוד יזרח לנו במהרה', 'עס וועט נישט אייביג פינסטער זיין, עס וועט שוין שטענדיג לעכטיג זיין', און מוה"ר יושע יצחק גרינוואלד הי"ו האט עס פארגעזינגען אויפן אונגארישן שפראך, מיטן נוסח וויאזוי רבינו הסב"ק זי"ע פלעגט דאס פארזוזינגען בעצם יום הפורים מיט גרויס התעוררות.

אינדערצווישן האט הרה"ח ר' שלום יחיאל מיכל ארגעל הי"ו גאר התעוררות'דיג אויסגעגראמט אויף די ניגון פון 'היום הרת עולם' אריינפלעכטנדיג און דערציילענדיג וויאזוי עס האט אויסגעזעהן די גרויסע טאג פורים ביי רבינו הסבא קדישא זי"ע, וויאזוי עס האט אויסגעזעזן זיין ברכת התורה פורים אינדערפרי, ווען ער האט מתפלל געווען ונהי' אנחנו וצאצאינו, ותלמידים קרוים בנים, און וויאזוי ער האט אויס'געפועל'ט ישועות פאר כל המסתופפים בצלו הקדוש, סיי וואסערע בקשה מען האט געבעטן, קען מען דאך אלעס ווייטער ממשיך זיין פאר אונז יעצט. אזוי ווי דער הייליגער יסוד ושורש העבודה זי"ע שרייבט, אז אלע אבות הקדושים זי"ע קומען אראפ צו די קינדער יעדע יום טוב עקסטער, רבותינו הקדושים זי"ע געפינען זיך יעצט דא אין ביהמ"ד, קען יעדער אויספועל'ן אלעס וואס ער דארף, בני חיי ומזוני בזכותם הגדול והקדוש, זאל יעדער יעצט איינרייסן אויף אלעם, ובפרט פאר די גאולה השלימה, זיך צוריק צו טרעפן מיט רבינו הקדוש זי"ע, וקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ לארצינו, בביאת משיח צדקינו, וואס צו דעם וועט מען זוכה זיין נישט דורך אמעריקא, און נישט דורך די מדינה הטמאה, נאר דורך תשובה טון מאהבה, ובגלל אבות תושיע בנים במהרה בימינו.

דערנאך האט הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א ווי יאר יערליך פארגעזינגען די הייליגע ניגונים 'רבוש"ע לאמיר מאכן א בייט' און 'לאמיר דערציילן די מעלות פון אידישע קינדער', 'נישטא נאך אזא גא-ט ווי אונזער גא-ט - אין כאלקינו', און די מקהלות המנגנים האבן ווייטער ממשיך געווען צו זינגען דעם ניגון 'רחם בחסדיך', 'להתודע ולהגלות', 'וכל מאמינים', 'לב ורוח נכון חדש בקרבנו', און נאך לעבעדיגע ניגונים.

בדחילו ורחימו האט זיך רבינו שליט"א אויפגעשטעלט פארצוזאגן די מזמורים ופיוטים כנהוג בקול חוצב ובדמעות שליש, און דער עולם האט נאכגעזאגט מיט א התעוררות

פסוק בפסוק, 'לדוד מזמור', 'ידיד נפש', 'אדון הכל', 'הלל הגדול', 'הושענא', און 'מזמור לדוד הבו לה''. און דערנאך עקסטער פארגעזאגט די תפלה 'אחינו בית ישראל' ספעציעל פאר אחינו בני ישראל תושבי ארצינו הקדושה, וועלכע זענען יעצט אונטער שרעק און פחד פון די אנגייענדיגע מלחמה, מען זאל שוין זוכה זיין מצרה לרוחה ומאפילה לאורה השתא בעגלא ובזמן קריב.

דערנאך האט דער בדחנא דמלכא הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א מנהל בית צירל, אויפגעטרעטן מיט הערליכע חרוזים נפלאים, מעשה ידי אומן דורך הרה"ג ר' שמעון עזריאל יחיאל לאווי שליט"א מגיד מישרים בקריתינו הק' ור"מ בישיבת תורת משה מאנטריאל, ווי ער האט מקדים געווען אז ער איז נאר א שליח ציבור, איבערצוגעבן און מזכיר צו זיין פאר רבינו שליט"א אלע בקשות און הזכרות פונעם גאנצן ציבור, און מיט זיין לשון לימודים האט ער מיט א הארציגע קול געבעטן ובכן אבוא אל המלך, דער רבי' זאל אויס'פועל'ן פאר אונז אלע ישועות ורפואות, און מיטן התעוררות'דיגע 'קה אכסוף' ניגון משלב געווען, אלע ישועות ורפואות וואס אידישע קינדער וואס האבן דאס נישט וויינען אז 'ואני לא נקראתי', אויספירענדיג מיט גראמען אז ס'זאל שוין זיין חזק חזק ונתחזק, תמחה את זכר עמלק, און אזוי וועט מען שוין געהאלפן ווערן מיט אלעס גוטס.

**דער רבי' האט משמיע געווען דברות קודש ואמרות טהורות פארן גאנצן ציבור, בעניני אמונה ומחיית עמלק ולקרב ביאת הגאולה שלימה, אנפאנגענדיג "אחינו בני ישראל, אונז זיצן דא במקום קדוש שהתפללו אבותי, רבינו הקדוש**


בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה ... ט ...

קול חתן וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת, שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין ולקרוא בקריאה של חיבה
את קרובינו וידידינו לבא ולהשתתף בשמחתינו
יום כלולת בנינו היקרים שיחיו ה"ה

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר **שמואל צבי** נ"י

עב"ג הכלה החשובה המהוללה
מרת **מלכה שינדל** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ה' פרשת ויקרא
ר"ח ניסן שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט
(ולמספרם Mar. 19)

קבלת פנים בשעה 6:45 והחופה בשעה 7:45

באולם קרן ויואל משה
55 Forest Road, Monroe, New York

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו בל"נ
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
יודא דוב טעללער וב"ב
בן הרה"ח ר' דוד ע"ה
קרית טאהש יצ"ו

הורי הכלה
יונתן בלייער וב"ב
קרית יואל יצ"ו

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

ארייַנצולייגן אייער הזמנה ביטע רופט אריין צום מערכת
**718.451.8674**
עקסטענשן 840

**זי"ע האט דא מתפלל געווען, און מעורר רחמים געווען פאר כלל ישראל, מיט די כח פון זיינע אבות הקדושים", די גרויסקייט פון די טאג איז גאר גרויס, יום כיפור איז נאר אזוי ווי פורים, פורים איז אסאך גרעסער. וואס איז די שמחה פון די טאג, דער אייבערשטער פריידט זיך אז די אידן האבן מקבל געווען די תורה נאכמאל מאהבה, און אונז פרייען זיך אז אונז האבן די זכי' צו מקבל זיין די תורה באהבה.**

**דער רבי האט געוואונטשן עס זאל שוין זיין ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר, אורה זו תורה, די תורה זאל שיינען פאר זיי, שמחה מיינט שמחת החיים, אידישע קינדער זאלן שטענדיג האבן שמחה ביי זיך און ביי די קינדער, געזונט און נחת, וששון זו מילה, מען זאל פארשניידן די יצר הרע מיט מסירת נפש, ויקר זו תפלין, דער רבוש"ע לייגט יעדן טאג תפלין וואס שטייט דארט, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, בעט מען דעם אייבערשטן אז זיינע תפלין זאלן נישט זיין פסול, ער זאל אונז טאקע לעכטיג מאכן, אז ס'זאל זיין מי כעמך ישראל, ס'זאל קומען א גוט געזונט יאר פאר כלל ישראל, מען זאל קענען אויסמעקן די עמלק, די יצר הרע, אונז זאלן קענען טון וואס אונז דארפן טון.**

**אונז וועלן זאגן שמע ישראל, און שטאלצירן מיטן אייבערשטן, און דער רבוש"ע וועט טון א אתערותא דלעילא און ארויפשיינען אויף אונז א לעכטיגקייט, ס'וועט זיין פארו עלי ופארי עליו, ביז מען וועט זוכה זיין בקרוב צו ביאת גואל צדק בב"א.**

דערנאך האט מען אנגעהויבן מיטן התעוררות'דיגן תמחה ניגון, כהכנה צו די געהויבענע ריקודין, און נאך ניגוני הכנה ווי ויהי נועם, ווען במשכ'ן זינגן איז דער רבי אראפ פון די בימת הכבוד, און אריין אינעם שטח אינמיטן טיש וואס מ'האט ליידיג געמאכט די חלל לעבודת הקודש צום 'תמחה טאנץ', ופצחו כל העם בשירה ובזמרה, און פאר לענגערע מינוטן איז דער רבי ארומגעלאפן און געטאנצן איבערזינגענדיג נאכאמאל און נאכאמאל 'תמחה את זכר עמלק מתחת השמים לא תשכח, לשנה הבאה בירושלים ג"פ', וינועו אמות הסיפים דעם ריזן גאנצע ציבור די תלמידי הישיבות און אברכים ובעלי בתים ואנשים מכובדים וואס האבן מיטגעטאנצן פון זייערע פלעצער און פון די הוילכשטאקעדיגע פארענטשע'ס, אויסמעקנדיג דעם עמלק יעדער פון זייערע הערצער און פון די גאנצע וועלט, און דערנענטערנדיג די גאולה שלימה לשנה הבאה בירושלים בב"א.

נאך תמחה האט מען געזינגען שושנת יעקב, מיט שיר המעלות איז מכובד געווארן הב' חיים שלמה יודא פישער ני"ו, דערנאך האט דער רבי געבענטשט ברכת המזון על הכוס, הגבהת הכוס מו"ה פנחס קליין הי"ו. נאכן בענטשן האט מען ארויסבאגלייט דעם רבי'ן מיטן ניגון 'ימים על ימי מלך תוסיף', און דער רבי איז אריין אין בית המדרש הפרטי וואו דער רבי האט געדאווענט מעריב. צום עמוד איז צוגעגאנגען מוה"ר משה סג"ל ראטמאן הי"ו משב"ק, נאך מעריב האט דער רבי געוואונטשן א גוטן פורים פארן גאנצן ציבור בצהלת פניו. בשעת מעשה האט נאך ממשיך געווען די ריקודין בהיכל הבית המדרש הגדול ביז אויף די שפעטע נאכט שעות ווען דער ציבור איז זיך צוביסליך צוגאנגען און געדאווענט מעריב ווען די שכרות האט נאכגעלאזט.

## מיטוואך תשא - שושן פורים

נאכמיטאג איז פארגעקומען די געהויבענע שלחן הטהור לכבוד שושן פורים, וואו עס איז געווען צוגעשטעלט א רייכע סעודה לכל העם הנאספים. מען האט געזינגען לעבעדיגע ניגוני שמחה, און דער רבי האט געצינדן ליכט און זיך געוואשן צום סעודה און ארויפגעשיקט שיריים פון אלע מאכלים.

במשכ'ן שלחן הטהור האט מען אויפגעשפילט א "פורים שפיל" אויפן טיש כנהוג, ווי אברכים חשובים האבן אויפגעשפילט א מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט ביים צדיק הרה"ק אדם בעל שם זי"ע, וויאזוי ער האט געראטעוועט זיין גאנצע שטאט פון שווערע גזירות, דורכ'ן ווארענען דעם פריץ מיטן לעבן, בהקיץ ובחלום, וכן יתבטלו מעלינו כל גזירות קשות ורעות.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א, שיר המעלות הב' שמואל בער בן הרה"צ רבי יושע מרדכי לייפער ני"ו פון קרית יואל. אזוי אויך האט דער רבי מכבד געווען במשכ'ן טיש הגה"צ רבי יעקב אלי' אונסדארפער שליט"א אב"ד ראשית חכמה, הגה"צ אב"ד באבוב שליט"א, הרה"ג ר' יעקב יוסף וואזנער שליט"א דומ"ץ סקווירא, הרה"ג ר' יוסף משה אונסדארפער שליט"א.

נאכן טיש האט מען געדאווענט תפילת מעריב בהיכל ביהמ"ד הגדול, צום עמוד איז צוגעגאנגען מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו משב"ק.

והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור!!!

## דאנערשטאג פר' כי תשא

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר משה הערש ברוין הי"ו פון קרית יואל, ווי דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

ביינאכט האט זיך דער רבי משתתף געווען ביי די חתונה פון בן כ"ק אדמו"ר מ'זוועהיל שליט"א פון ארץ ישראל, דער רבי האט באשיינט ביים קבלת פנים, געטרינקען לחיים און אנגעוואונטשן די חתן מחותנים און זיידע'ס, ובפרט פאר הרב באב"ד שליט"א דומ"ץ בעלזא לאנדאן.

שפעטער האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים שמחת החתונה פון בת הרה"ג ר' יואל מאסקאוויטש שליט"א אב"ד מאור הגולה, חתן כ"ק אדמו"ר מ'סקולען זצ"ל, וואו דער רבי האט געטרינקען לחיים, אנגעוואונטשן מחותנים און זיידע'ס, הגה"צ ר' יצחק אלעזר מאסקאוויטש שליט"א אדמו"ר משאץ, און כ"ק אדמורי"ם מ'סקולען שליט"א, און זיך ארויסגעלאזט אין א ריקוד.

## דערמאנונג

פאר די
הונדערטער
אויסגעצאלטע
איחוד מעמבער'ס:

אין די יעצטיגע פארנומענע קאסטבארע ערב ימים טובים טעג, ווען
מען קויפט איין אלע צרכי החג, זיך גרייטנדיג צום יו"ט פסח הבעל"ט

# בענעפעטירט פון אייער מעמבער קארטל



**זעהט די לאנגע ליסטע מיט די פונקטליכע געשעפטן און דיסקאונט'ס אויף אייער מעמבער קארטל.**

אדער קען מען הערן
די ליסטע אויף קול
איחוד טאהש

718.451.8674
514.500.8674

ביי 850 פון די
מעין מעניו.

## און געניסט פון די פולע דיסקאונט'ס ביי די אומצאליגע געשעפטן פון אייער שטאט!

ווען איר אדער אייער ב"ב גייט איינקויפן אויף יו"ט, געדענקט מיטצונעמען
אייער מעמבער קארטל, צו ערהאלטן די ווערדפולע דיסקאונטס.

בברכת א כשר'ן פרייליכן יום טוב

**הנהלת האיחוד**

גליון באור החיים - להתאחד בחורי אנ"ש - קול איחוד טאהש -
חברה ש"ס - מתאחדת בלעטל - טעלעפאון ביכל - פרנסה ביחד


בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת ויקרא =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק ויקה"פ | דף סה: | דף סב. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף סו. | דף סב: | דף קסב. | דף קנט: |
| מאנטאג | דף סו: | דף סג. | דף קסב: | דף קס. |
| דינסטאג | דף סז. | דף סג: | דף קסג. | דף קס: |
| מיטוואך | דף סז: | דף סד. | דף קסג: | דף קסא. |
| דאנערשטאג ר"ח ניסן | דף סח. | דף סד: | דף קסד. | דף קסא: |
| עש"ק | דף סח: | דף סה. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת צו
חבורת ז' עמודים – כל פרק חמישי ושישי
חבורת ה' עמודים - קנו. - קסג:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 1-4 פון די מעין מעניו

## פרנס

**השיעורי תורה על 'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט**

נתנדב על ידי
הרה"ג ר' **אלקנה חיים סג"ל קרויס** שליט"א
**לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב**

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

## קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

718.451.8674 | 514.500.8674
0.333.015.0715 | 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**


יו"ל ע"י
# איחוד תלמידי וחסידי טאהש
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950